בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון פ"ז

פרשת וישב שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיט'ן אײבּערשטְנ'ס הילף בְּרֶענְגֶען מיר אײך אַ שִׁיעוּר וָואס דער ראש ישיבה שְׁלִיטָ"א האט גֶעגֶעבְּן פאר מְחַנְּכִים, פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם הַשֵּׁם, מַיינֶע טַייעֶרֶע לִיבֶּע מְלַמְּדִים, תַּלְמִידֵי הַיכַל הַקּוֹדֶשׁ. וָוען אִיךְ זָאג בַּיים שִׁיעוּר 'מְלַמְּדִים', מֵיין אִיךְ אַלֶע וָואס הָאבְּן שַׁייכוּת מִיט דִי קִינְדֶער; דִי מְלַמְּדִים, דִי לֶערֶערִינְס, דֶער מְנַהֵל, דֶער סְגַן מְנַהֵל, דִי מְנַהֶלֶת, אוּן אוֹיךְ דֶער מֶענֶעדְזְשֶׁער אוּן קֶעכֶער.

אִין אָנְהוֹיבּ בִּין אִיךְ סְפֶּעצִיעֶל אַרוֹיס גֶעקוּמֶען אֵיין מָאל אַ וָואךְ אִין שְׁטֶעטְל, צוּ גֶעבְּן אַ שְׁמוּעֶס פַאר דִי מְלַמְּדִים, אָבֶּער אַזוֹי וִוי דִי אַרְבֶּעט אִין דִי קְהִלָּה וֶוערְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם גְרֶעסֶער, עֶס קוּמְט כְּסֵדֶר צוּ נָאךְ אוּן נָאךְ אַרְבֶּעט, וֶועל אִיךְ טוּן אַנְדֶערְשׁ וִוי אַזוֹי אִיךְ פְּלֶעג טוּן; דָאס יָאר וֶועל אִיךְ מִיט'ן אײבּערשטְנ'ס הילף אָנְגְרֵייטְן אַ שְׁמוּעֶס בַּיי מִיר אִין אָפִּיס, מֶען וֶועט עֶס רֶעקָארְדִירְן, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט מֶען עֶס גֶעבְּן צוּ הֶערְן פַאר אַלֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס פוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת פוּן אִיבֶּערָאל, אוּן עֶס זָאל זַיין 'כְּאִילּוּ הָיִיתִי שָׁם'.

אִיךְ וֶועל נִישְׁט גֶעבְּן צוּ אַ לַאנְגֶע שִׁיעוּר, אִיךְ וֶועל רֶעדְן מַמָּשׁ גֶעצֵיילְטֶע וֶוערְטֶער, וַוייל דֶער שִׁיעוּר וֶועט מֶען גֶעבְּן צוּ הֶערְן אִין דִי צַייט פוּן הַפְסָקָה, אוּן אִיךְ וִויל נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן עֶנְקֶער צַייט.

### דִי מְלַמְּדִים דַארְפְן דָאס מֶערְסְטֶע חִיזוּק

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סִפְרֵי נָשֹׂא, פִּיסְקָא א): **"אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לִמְחוּזָּקִין"**, מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה טַייטְשְׁט דָאס אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל אַז מֶען דַארְף גֶעבְּן חִיזוּק פַאר דִי וָואס גֶעבְּן חִיזוּק פַאר אַנְדֶערֶע. דָאס מֶערְסְטֶע חִיזוּק דַארְפְן דִי וָואס טוּעֶן מִיט אַנְדֶערֶע, וִוי מְלַמְּדִים, לֶערֶערִינְס, מְחַנְּכִים, מְחַנְּכוֹת'ן, מְנַהֲלִים, מְנַהֲלוֹת'ן, אוּן אַלֶע וָואס הָאבְּן צוּטוּן מִיט קִינְדֶער.

### אַ מְלַמֵּד זִיצְט מִיט נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל

אִיךְ בֶּעט עֶנְק מַיינֶע טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים, קוּקְט נִישְׁט אוֹיף מְלוּמְּדוּת וִוי אַ דְזָשַׁאבּ וָואס מֶען קוּמְט אַרְבֶּעטְן צוּ פַארְדִינֶען גֶעלְט, דֶער אײבּערשטֶער וֶועט עֶנְק שׁוֹין גֶעבְּן שְׂכַר פַאר עֶנְקֶער אַרְבֶּעט, מְלוּמְּדוּת אִיז אַ 'הַארֶץ אַרְבֶּעט', דִי קִינְדֶער דַארְפְן זַיין וִוי דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אַז אַ קִינְד פֶעלְט פוּן חֵדֶר, זָאלְסְטוּ רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן פְרֶעגְן וואו דָאס קִינְד אִיז, וִוי אַזוֹי דָאס קִינְד פִילְט אוּן צִי אַלֶעס אִיז פַיין מִיטְ'ן קִינְד.

וָואס זָאל אִיךְ עֶנְק זָאגְן טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים, זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים!

מְלוּמְּדוּת אִיז נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה; וֶוער עֶס זוּכְט אַ דְזָשַׁאבּ, אִיז דָא בֶּעסֶערֶע פַּרְנָסוֹת פוּן מְלוּמְּדוּת, קֶען זַיין אַז יֶעצְט פַאר חֲנוּכָּה טְרַאכְט מֶען אַז מֶען וֶועט פַארְדִינֶען פוּן דִי טִיפְּס וָואס עֶלְטֶערְן גֶעבְּן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת צוּלִיבּ דֶעם אַלֵיינְס לוֹינְט זִיךְ נָאכְנִישְׁט, מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אַזוֹיפִיל גֶעלְט אַז עֶס זָאל זִיךְ לוֹינֶען צוּלִיבּ דֶעם; מְלוּמְּדוּת אִיז אַ הַארְצִיגֶע זַאךְ!

מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן דִי אַרְבֶּעט בִּרְמִיָּה חַס וְחָלִילָה, מֶען דַארְף הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ דִי קִינְדֶער.

אַ מְלַמֵּד זִיצְט מִיט נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, מִיט אֵיין 'גוּטֶע פִינְף מִינוּט' קֶען עֶר אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ קִינְד אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן מִיט אֵיין 'שְׁלֶעכְטֶע פִינְף מִינוּט' וָואס עֶר אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן, אוּן עֶר שְׁנַיידְט אַרַיין אִין אַ קִינְד מִיט שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער, קֶען עֶר אִים צוּנֶעמֶען זַיין זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט פַאר זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

### אַ הַארְצִיגֶע אַרְבֶּעט

אַ מְלַמֵּד דַארְף עֶסְן, שְׁלָאפְן, זַיין אוֹיסְגֶערוּט אוּן זַיין אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע, אוּן בְּעִיקָר - זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין פַאר מֶען קוּמְט אַרַיין צוּ דִי קִינְדֶער, בֶּעטְן דֶעם אײבּערשטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ אַז אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טוּן מַיין אַרְבֶּעט רִיכְטִיג".**

### מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען קִינְדֶער

אַ מְלַמֵּד קֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ מְלַמֵּד זָאל נִיצְן הֶענְט, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען נִישְׁט אַ מְלַמֵּד נִיצְן זַיין מוֹיל צוּ פַארְשֶׁעמֶען אוּן אוּנְטֶערְרַייסְן אַ קִינְד.

וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַז מֶען דַארְף גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ פַאר אַ קִינְד, אִיז כְּדַאי צוּ נִיצְן הִילְף פוּנְדְרוֹיסְן, מֶען זָאל רוּפְן דֶעם מְנַהֵל אוּן אִים מְכַבֵּד זַיין מִיט דֶעם פַּאטְשׁ, וַוייל אַסַאךְ מָאל פַאלְט מֶען אוּמְוֶועלְנְדִיג אַרַיין אִין אַ סִכְסוּךְ, אִין אַ פְּרִיוַואטֶע קְרִיגֶערַיי מִיט אַ קִינְד, אוּן מֶען כַאפְּט אֲפִילוּ נִישְׁט אַז דָאס הָאט בִּכְלַל נִישְׁט צוּטוּן מִיט דָאס חִינוּךְ פוּנֶעם קִינְד, עֶס אִיז אַ פְּרִיוַואטֶע קְרִיגֶערַיי וָואס דֶער מְלַמֵּד הָאט מִיטְ'ן קִינְד, דֶערְפַאר אִיז כְּדַאי צוּ רוּפְן דֶעם מְנַהֵל וָואס עֶר אִיז נִישְׁט יֶעצְט אִין דֶעם קַטְנוּת הַדַּעַת פוּנֶעם קְרִיגֶערַיי, אַז עֶר זָאל זֶען דֶעם בִּילְד פוּנְדְרוֹיסְן צִי מֶען דַארְף יֶעצְט טַאקֶע גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ אָדֶער נִישְׁט. אַוַודַאי קֶען דֶער מְנַהֵל אוֹיךְ מַאכְן אַ טָעוּת, אָבֶּער דֶער מְלַמֵּד וָואס אִיז יֶעצְט אִין דִי מַעֲשֶׂה, וֶועט עֶנְדֶערְשׁ מַאכְן אַ טָעוּת.

דוּ קוּם אִין חֵדֶר אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער **"אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אײבּערשטְן, אֱמוּנָה מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם"**, אוּן דִי פֶּעטְשׁ זָאלְסְטוּ מְכַבֵּד זַיין דֶעם מְנַהֵל.

אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר לֶעצְטְנְס גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ בְּרִיוו אַז עֶר פְּרַאסְקֶעט קִינְדֶער, אוּן עֶר אִיז צֶעקְרִיגְט מִיט גֶעוִויסֶע קִינְדֶער, הָאבּ אִיךְ אִים צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן דִי וֶוערְטֶער: **"אוֹיבּ דוּ שְׁלָאגְסְט קִינְדֶער - זָאג אִיךְ דִיר יֶעצְט אָפּ פוּן דַיין אַרְבֶּעט; בַּיי מִיר אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה קֶען מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער, אוֹיבּ דוּ הַאלְטְסְט אַז אַ קִינְד דַארְף בַּאקוּמֶען פֶּעטְשׁ, מוּזְטוּ רוּפְן דֶעם מְנַהֵל, אִים מְכַבֵּד זַיין מִיט דֶעם, דָאס אִיז 'זַיין' דְזְשַׁאבּ".**

שֹׁמּוּ שָׁמַיִם! וָואס מֵיינְט אַז דוּ בִּיסְטוּ צֶעקְרִיגְט מִיט אַ קִינְד? - דוּ קְרִיגְסְט זִיךְ מִיט אַ קִינְד?! עֶס אִיז דָאךְ אַ קִינְד! מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: **"וֶוער עֶס שְׁלָאגְט קִינְדֶער, זָאל גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיים צַאמְנֶעמֶען דִי מִיסְט!"**

טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים, אִיךְ בֶּעט עֶנְק, שְׁטֵייט אוֹיף פְּרִי אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אִיךְ וִויל מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אַ קַטְנוּת הַדַעַת, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דִי קִינְדֶער".**

זַייטְס נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ רֶעד אַזוֹי שְׁטַארְק, אִיךְ רֶעד אַזוֹי וַוייל אִיךְ וִויל עֶנְק מְחַזֵּק זַיין, אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בַּאקוּם זֵייעֶר שֵׁיינֶע גְרִיסְן פוּן עֶנְק.

## וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט אַ קִינְד?

אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט אַ קִינְד, זָאל מֶען זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל טְרֶעפְן אַ וֶועג צוּ דֶעם קִינְד.

אָבֶּער שְׁלָאג נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, מִיט גוּטְנְ'ס פּוֹעֶלְ'ט מֶען בֶּעסֶער.

זוּךְ אַ וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער קִינְד זָאל אַרַיינְקוּמֶען אִין כִּתָּה, קֶענְסְט בֶּעטְן פוּן אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים זֵיי זָאלְן דִיר גֶעבְּן שֵׁיינֶע פְּרָאגְרַאמֶען וִוי אַזוֹי צוּ בַּאלוֹינֶען דִי קִינְדֶער. אוֹיךְ אִיז כְּדַאי עֶס אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַארְ'ן מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת, אֶפְשָׁר וֶועלְן זֵיי מַאכְן דֶער שְׁפִּיל פוּן 'פַּרְשַׁת אַהֲרֹן הַכֹּהֵן'... זֵיי וֶועלְן אוּנְטֶערְשִׁיקְן דֶעם טַאטְן עֶר זָאל רוּפְן דֶעם מְלַמֵּד אוּן זָאגְן: **"מַיין קִינְד אִיז זֵייעֶר צוּפְרִידְן אִין חֵדֶר"**, אוּן פַארְן קִינְד זָאל עֶר זָאגְן: **"דַיין רֶבִּי אִיז זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דִיר"**, אַזוֹי וֶועט וֶוערְן שָׁלוֹם, אוּן דָאס קִינְד וֶועט וַוייטֶער קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין בַּיי דֶעם מְלַמֵּד.

אִיךְ טוּ עֶס זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אוּן עֶס אַרְבֶּעט וואוּנְדֶערְלִיךְ, אִיךְ זָאג פַאר אֵיינֶעם: **"וַואוּוּ! יֶענֶער אִיז אַזוֹי צוּפְרִידְן פוּן דִיר"**, אוּן פַארְן אַנְדֶערְן זָאג אִיךְ אוֹיךְ: **"וַואוּוּ! יֶענֶער אִיז אַזוֹי צוּפְרִידְן פוּן דִיר"**, אוּן עֶס וֶוערְט שָׁלוֹם צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן. אִיךְ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אוֹיסְצוּזָאגְן מַיינֶע טְרִיקְס, וַוייל נָאכְדֶעם וֶועט עֶטְץ מִיר מֶער נִישְׁט גְלֵייבְּן וֶועל אִיךְ וֶועל עֶס זָאגְן...

## אַ מְלַמֵּד בַּאקוּמְט אַ כֹּחַ הַתְּפִלָּה

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.): עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, הָאט מֶען זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר רֶעגְן, אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: **"מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם"** - הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֶעגֶענֶען, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?"** הָאט עֶר גֶעזָאגְט: **"אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַרְדְּקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער. דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען מִיט אַלְטֶע הֶעמְדֶער, דִי נָאז רִינְט זֵיי אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט דִי זִיסֶע בֶּעקֶעלֶעךְ וָואס מֶען קֶען עֶס אוֹיסְגְלֶעטְן, אוּן דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען מִיט נֵייעֶ הֶעמְדֶער אוּן זֶענֶען בַּאחֵנְ'ט - אַלֶע זֶענֶען בַּיי מִיר אֵיינִיג!"**

**"נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ"** - הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעזָאגְט, **"וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט לֶערְנֶען, גֵיי אִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין אַ קְרִיגֶערַיי מִיט אִים, אִיךְ בִּין אִים מְשַׁחֵד; אִיךְ קוֹיף אִים אוּנְטֶער, אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִישׁ טַאנְק אוּן אִיךְ בִּין אִים מְשַׁכְנֵעַ אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען וֶועל אִיךְ אִים וַוייזְן דִי פִישֶׁעלֶעךְ אוּן דוּרְכְדֶעם הֵייבְּט עֶר אָן לֶערְנֶען"**.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז אַז מֶען קוּקְט אוֹיף יֶעדְן קִינְד אֵיינִיג, אוּן מֶען גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין אַ קְרִיגֶערַיי מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן זִיכֶער נִישְׁט וֶוען אִיךְ הָאבּ אַ קְרִיגֶעְרַיי מִיט דֶעם קִינְדְ'ס עֶלְטֶערְן, אַ קְרִיגֶעְרַיי וָואס גֵייט שׁוֹין אָן פַאר עֶטְלִיכֶע דוֹרוֹת וָואס הָאט זִיךְ נָאךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דֶעם קִינְדְ'ס זֵיידֶע... צוּלִיבּ דֶעם הָאט יֶענֶער מְלַמֵּד בַּאקוּמֶען אַ כֹּחַ הַתְּפִלָּה אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט פּוֹעֶלְ'ן עֶס זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעגְנֶענֶען.

## מֶען דַארְף אַלֵיינְס זַיין עֶרְלִיךְ

וֶוערְטְס נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט וָואס אִיךְ גֵיי עֶנְק יֶעצְט זָאגְן, אִיךְ וֶועל עֶנְק זָאגְן אָפְן וָואס אִיךְ זָאג פְּרִיוַואט פַארְ'ן מְנַהֵל, בַּיי מִיר אִיז נִישְׁטָא קַיין סוֹדוֹת, בַּיי מִיר אִיז אַלֶעס אָפֶענֶע קַארְטְלֶעךְ; בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי קְהִילָּה וֶוערְט גְרֶעסֶער, אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי מוֹסָד הָאבּ אִיךְ גֶעצִיטֶערְט 'וָואס וֶועט זַיין אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד וֶועט זִיךְ אָפְּזָאגְן פוּן מְלוּמְדוּת, וואוּ וֶועל אִיךְ טְרֶעפְן אַ נֵייעֶר מְלַמֵּד', הַיינְט בִּין אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין קֵיינֶעם, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ פְרִישֶׁע דוֹר פוּן אִינְגֶעלַייט, אִיךְ הָאבּ אִינְגֶעלַייט וָואס קֶענֶען שׁוֹין הַיינְט אַרַיינְקוּמֶען אָנְטוּן דִי מְלוּמְדוּת קְלֵיידֶער אוּן זִיךְ שְׁטֶעלְן בַּיים טִישׁ. אִיךְ וֶועל טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג פַאר דִי קִינְדֶער, אִיךְ וֶועל נֶעמֶען מְלַמְּדִים יִרְאֵי הַשֵּׁם.

אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל הָאבְּן גוּטֶע מְלַמְּדִים אוּן גוּטֶע לֶערֶערִינְס וָואס קוּמֶען נִישְׁט דָא צוּלִיבּ זֵייעֶר פַּרְנָסָה, נָאר זֵיי הָאבְּן אַ הַארְץ פַאר דִי קִינְדֶער.

הַיינְט הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע בְּרִיוו פוּן אַ מְלַמֵּד (נִישְׁט פוּן אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה), דֶער מְלַמֵּד הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶר לֵייגְט נִישְׁט קַיין תְּפִילִין, - רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דוּ לֵייגְסְט נִישְׁט קַיין תְּפִילִין? וִוי מֶעגְסְטוּ זַיין אַ מְלַמֵּד?!

אַן עֶרְלִיכֶער מְלַמֵּד גֵייט שְׁלָאפְן פְּרִי, עֶר שְׁטֵייט אוֹיף פְּרִי, עֶר גֵייט אִין מִקְוֶה, אוּן גֵייט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען.

## אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין דַארְף זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל

אַ מְלַמֵּד וָואס קְלָאצְט בַּיים דַאוֶוענֶען, קֶען נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד! מְלוּמְדוּת אִיז נִישְׁט אַ פַאךְ וָואס מֶען זָאגְט פַאר קִינְדֶער צוּ דַאוֶוענֶען אוּן אִיךְ אַלֵיינְס דַאוֶוען נִישְׁט, דֶער מְלַמֵּד אַלֵיינְס דַארְף אוֹיךְ דַאוֶוענֶען.

אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְן מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת אַז אִיךְ וִויל אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן דִי מוֹסָד זָאלְן זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר דִי קִינְדֶער. אִיךְ וִויל נִישְׁט אַז אִין דִי פִיר וֶוענְט פוּן בֵּית פֵיגָא זָאל זִיךְ גֶעפוּנֶען אַ פְרוֹי מִיט אַ טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען אוֹיף דֶעם זֶען נִישְׁט קַיין גוּטֶע זַאכְן; מֶען גֵייט נִישְׁט נָאכְקוּקְן צִי זִי זֶעט טַאקֶע שְׁמוּץ אָדֶער נִישְׁט, אוֹיבּ זִי הָאט אַזַא טֶעלֶעפָאוֹן - קֶען זִי נִישְׁט אַרְבֶּעטְן בַּיי אוּנְז אִין שׁוּלֶע; אַזוֹי אוֹיךְ פְרוֹיעֶן וָואס בִּשְׁעַת מֶען קוּמְט אִין שׁוּלֶע גֵייט מֶען אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן נָאךְ שׁוּלֶע נִישְׁט - אַזַא אֵיינֶע קֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן בַּיי אוּנְז אִין שׁוּלֶע.

אִיךְ דַארְף רִיכְטִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער מִיט הַארְץ אוּן גֶעפִיל.

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר וֶועט קוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

## חֲנוּכָּה, אַ יוֹם טוֹב מִיט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מִיר קוּמֶען נֶענְטֶער צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה; חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ, טוּן דָאס פַארְקֶערְטֶע וָואס דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט טוּן - אוֹיסְרַייסְן דִי אֱמוּנָה; דַארְפְן מִיר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועקְפָארְן חֲנוּכָּה קַיין אוּמַאן וֶוען מֶען הָאט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, וַוייל קִינְדֶער דַארְפְן בַּאקוּמֶען אַ חִינוּךְ, זֶען וִוי דִי טַאטֶע צִינְדְט אָן דִי מְנוֹרָה.

זֶע אַוֶועקְצוּלֵייגְן אַלֶע דַיינֶע בַּאשֶׁעפְטִיגוּנְגֶען, זָאלְסְט זַיין צַייטְלִיךְ אִין שְׁטוּב אָנְצוּצִינְדְן דִי מְנוֹרָה בַּיים זְמַן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער. וַואשׁ זִיךְ דִי הֶענְט פַארְ'ן צִינְדְן אוּן וַואשׁ דִי הֶענְט פוּן דִי קִינְדֶער, גְרֵייט אָן אַ מְנוֹרָה פַאר יֶעדְן קִינְד; מֵיידְלֶעךְ צִינְדְן נִישְׁט, נָאר אִינְגְלֶעךְ (קְלֵיינֶע מֵיידְלֶעךְ קֶענֶען צִינְדְן). טוּ זִיךְ אָן אַ שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע, זִינְג דִי זְמִירוֹת אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד. טַאנְץ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל, עַל נִסֶּיךָ וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ וְעַל יְשׁוּעָתֶיךָ.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב תשפ"א)

## אַרַיינְבַּאקְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, פַארְקֶערְט פוּן דִי יְוָנִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט"ו כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען גֵייט שׁוֹין אָנְצִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט, זֶע צוּ קוֹיפְן פַאר אַלֶע דַיינֶע זִין חֲנוּכָּה מְנוֹרָה'ס. עֶנְדִיג אַרְבֶּעטְן פְרִי אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען דַאוֶונֶען מַעֲרִיב בַּיים זְמַן אוּן גְלַייךְ אַהֵיים גֵיין אָנְצִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט.

דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער אוֹיסְצוּרַייסְן דִי אֱמוּנָה; דַארְפְן מִיר טוּן דָאס פַארְקֶערְטֶע, מִיר דַארְפְן נֶעמֶען דִי קִינְדֶער אוּן אִין זֵיי אַרַיינְבַּאקְן דִי אֱמוּנָה. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט מֶען זָאל חֲנוּכָּה בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב מִיט דִי קִינְדֶער, אֲפִילוּ מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַזוֹי סַאךְ רֶעדְן פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן, אָבֶער חֲנוּכָּה פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זַיין זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב, מַאכְן אַ שֵׁיינֶע צִינְדְן, זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן, פַּאטְשְׁן אוּן קְלַאטְשְׁן.

אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב תשפ"ד)

## צִינְד דִי מְנוֹרָה מִיט שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס קוּמְט שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה, מִיר גֵייעֶן אָנְצִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט. בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג אַז מִיר טוּעֶן אָן שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע, מֶען וַואשְׁט דִי הֶענְט (אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ כַאפְּן אַ טְבִילָה - אִיז גָאר גוּט), מֶען זָאגְט דִי לְשֵׁם יִחוּד, אוּן נָאכְן צִינְדְן זִיצְט מֶען כָאטְשִׁיג אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; מֶען בֶּעט פַאר זִיךְ, מֶען בֶּעט פַאר דִי קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.

עֶס אִיז וִויכְטִיג צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער זִיצְן בַּיי דִי לִיכְט זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער, זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן, פַּאטְשְׁן אוּן קְלַאטְשְׁן, עֶס מוּז צוּגֵיין מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה. אוּן שְׁפֶּעטֶער, וֶוען דִי קִינְדֶער לֵייגְן זִיךְ שְׁלָאפְן - קֶען מֶען זִיךְ אַוֶועקְזֶעצְן מִיט אַ לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת אוּן בֶּעטְן אוּן וֵויינֶען.

אַז דוּ וֶועסְט צִינְדְן מִיט שִׂמְחָה - וֶועט שַׁיינֶען אוֹיף דִיר דִי אוֹר הַגָּנוּז וָואס וֶוערְט נִתְגַּלֶּה בַּיים צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב תשפ"ד)

## חֲנוּכָּה אִיז אַ יוֹם טוֹב פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

עֶס קוּמְט שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אוּנְז אַז חֲנוּכָּה אִיז אַ יוֹם טוֹב פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זַיין צַייטְלִיךְ אִין שְׁטוּב צִינְדְן מִיט דִי אִינְגְלֶעךְ בַּיים זְמַן, זֶעקְס אַזֵייגֶער זָאלְסְטוּ שׁוֹין שְׁטֵיין מִיטְ'ן שַׁמָּשׁ זָאגְן דֶעם לְשֵׁם יִחוּד; מַאךְ אַלֶע הֲכָנוֹת פָארְאוֹיס, מִקְוֶה וְכַדוֹמֶה, אַלֶעס זָאלְסְטוּ טוּן פְרִיעֶר אִין טָאג אַז בַּיים זְמַן זָאלְסְטוּ שׁוֹין צִינְדְן.

זִיץ בַּיי דִי לִיכְט; קוֹדֶם זִינְג דִי זְמִירוֹת, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן דַיינֶע קִינְדֶער פוּן דִי נֵס חֲנוּכָּה אוּן אוּנְזֶער נֵס אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, בַּיי דִי לֶעכְט אִיז אַ צַייט פוּן פוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת מִקֵּץ תשפ"ב)

## מַאךְ נִישְׁט קַיין אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע מַצָּב אִין שְׁטוּב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ לַיידְט פוּן דִיר, אוּן נָאךְ מֶער לַיידְט זִי וֶוען עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע צַייטְן וִוי שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב; דוּ מַאכְסְט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב פַאר אֵיין שְׁטִיק נֶערְוֶוען, דוּ פַארְלַאנְגְסְט דִי שְׁטוּב זָאל זַיין רֵיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען, דוּ פַארְלַאנְגְסְט פוּן אִיר זִי זָאל זַיין גְרֵייט וֶוען דוּ וֶועְרְסְט גְרֵייט, אוּן אַז זִי קֶען נִישְׁט זַיין אַזוֹי שְׁנֶעל אוּן גְרֵייט וֶוען דוּ וֶוערְסְט גְרֵייט - הֵייבְּסְטוּ אָן שְׁרֵייעֶן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דִי קִינְדֶער כַאפְּן אַ שְׁרֶעק, דוּ מַאכְסְט מְשׁוּגָע דִי גַאנְצֶע הוֹיז.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר, מַאךְ נִישְׁט קַיין אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע מַצָב אִין שְׁטוּב, חֲנוּכָּה אִיז אַ פְרֵיילִיכֶע צַייט, שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב אִיז אַ צַייט וָואס דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה קוּמְט אִין אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער, אוּן מִיט כַּעַס פַאַרְטְרַייבְּט מֶען אִיר.

אַז דוּ קוּמְסְט אַהֵיים אוּן זַאכְן פְלִיעֶן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין זֵכֶר פוּן חֲנוּכָּה – זָאלְסְטוּ אַרוֹיפְבֵּייגְן דַיינֶע עֶרְמְל אוּן הֶעלְפְן; הֶעלְף אִיר מִיט דִי קִינְדֶער, הֶעלְף רוֹימֶען דִי שְׁטוּב מִיט שִׂמְחָה.

אֶפְשָׁר וַוייל דוּ שְׁרֵייסְט אוֹיף דַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁטָא קַיין בְּרָכָה אִין דַיין גֶעלְט?

גֵיי שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ מִיט דִי נֶערְוֶוען אוּן אִיךְ גִיס עֶס אוֹיס אִין שְׁטוּבּ, הַצִלֵינוּ, רַאטֶעוֶוע מִיךְ".

אִיךְ זָאג דִיר צוּ, אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן פוּן הַיינְט אָן שֵׁיין אִין שְׁטוּב מִיט דַיין וַוייבּ – וֶועסְטוּ בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע חוֹבוֹת אוּן הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת מִקֵץ תשפ"ד)

## אַז דוּ וֶועסְט מַאכְן דִי מִצְוֹות פְרֵיילִיךְ, וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט דִי מִצְוֹות

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר. גֶעבּ זִיךְ אַ בַּארֶעכְן וָואס גֵייט פָאר מִיט דִיר, וִוי גוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ דִיר, מַאךְ זִיךְ אַ שְׁנֶעלֶע חֶשְׁבּוֹן, וִויפִיל בִּיסְטוּ שוּלְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע חֲסָדִים... וִויפִיל מִיר וֶועלְן דַאנְקֶען – וֶועלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען גֶענוּג דַאנְקֶען פַאר זַיינֶע חֲסָדִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב): "יְמֵי חֲנֻכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה", דִי חֲנוּכָּה טֶעג אִיז אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֶסֶד וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז, אוּן וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט אִים, וִוי מֶער מֶען לוֹיבְּט אִים – וֶוערְט מֶען מֶער נֶענְטֶער צוּ אִים.

וֶוען דוּ צִינְדְסְט דִי מְנוֹרָה – צִינְד מִיט שִׂמְחָה; מַאךְ נִישְׁט קֵיין נֶערְוְוען מִיט קֵיין לַחַץ, אוֹיף דֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ דָאס מֶערְסְטֶע פַארְלֵייגְן. גֶעדֶענְק, גָארְנִישְׁט מוּז זַיין, גָארְנִישְׁט דַארְף זַיין, נָאר אוֹיף אֵיין זַאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְלֵייגְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת – אוֹיף שִׂמְחָה; זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה.

אַוַדַאי דַארְף מֶען מַקְפִּיד זַיין אוֹיף הֲלָכָה, צוּ צִינְדְן אִין צַייט בַּיים זְמַן, אָבֶּער אַז מֶען קוּמְט אַהֵיים אוּן זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט גְרֵייט – טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס, שְׁלָאגְן אוּן שְׁרֵייעֶן. אַז דוּ וֶועסְט מַאכְן דִי מִצְוֹות פְרֵיילִיךְ – וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער לִיבּ הָאבְּן דִי מִצְוֹות, זֵיי וֶועלְן בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט דִי מִצְוֹות.

אַזוֹי אוֹיךְ דִי זְמִירוֹת אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, אָבֶּער נָאר אַז דָאס אִיז אָן נֶערְוְוען, מֶען טָאר נִישְׁט צִיפְּן דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זִינְגֶען נִישְׁט מִיט, מֶען קֶען נִישְׁט אוּן מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן פוּן דִי מִצְוֹות אַ צַייט פוּן שְׁלָאגְן אוּן טֶערָארֶעזִירְן, עֶס דַארְף זַיין מִיט אַ שִׂמְחָה וְדַ"ל.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת מִקֵץ תשפ"ג)

## מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער צוּ גֵיין נָאךְ צְדָקָה, וִוי עֶרְלִיכֶע אִידְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

בְּנוֹגֵעַ דִי פוּשְׁקֶעס אִין שְׁטֶעטְל, וִוי דִי קִינְדֶער הַאקְן אִין שׁוּל אוּן מֶענְטְשְׁן וֶוערְן נֶערְוֶועז; לְעֵת עַתָּה אִיז נִישְׁטָא פַאר דִי קִינְדֶער נָאךְ אַ פְּלַאץ וואוּ זֵיי זָאלְן צוּזַאמְנֶעמֶען צְדָקָה, נָאר אִין שׁוּל; זָאלְסְטוּ מְחַזֵק זַיין אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן גֵיין מִיט דִי פוּשְׁקֶעס אִין שׁוּל, אוּן אַז מֶענְטְשְׁן וֶוערְן נֶערְוֶועז אוּן הָאבְּן טַעֲנוֹת – זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג מַאכְן.

אִיךְ וִויל אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס אַן עֶרְלִיכֶער אִיד טוּט – אִיז צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר צְדָקָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת ויחי תשפ"ד)

**חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג**
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
**אויף קול ברסלב**
**דרוקט: 1-2-4-2**
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בּרסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876